52 אַן אויער. דעמלט זאָגט ישוע צו אים: קער אום
דיין שווערד אויף איר אָרט! ווארום אַלע, וואָס
נעמען אַ שווערד, וועלן אומקומען מיט דער שווערד.
53 אָדער אפשר מיינסטו, אַז איך קען נישט בעטן מיין
פּאָטער, און ער וועט מיר אַפילו איצט געבן מער
54 ווי צוועלף מחנות מלאָכים? און וויאַזוי זשע וואָלטן
די כתבֿי (הקודש) געקענט דערפילט ווערן, אַז
אָט אַזוי מוז עס געשען? אין יענער שעה האָט ישוע
55 געזאָגט צו די המונים מענטשן: ווי אַקעגן אַ גזלן
זענט איר אַרויסגעקומען מיט שווערדן און שטאַנגען,
מיך צו כאַפּן. טאָג אויס טאָג איין בין איך געזעסן
אין בית־המקדש און געלערנט, און איר האָט מיך נישט
56 גענומען. דאָס אַלץ אָבער איז געשען, כדי די שריפטן
פון די נביאים זאָלן דערפילט ווערן.—דעמלט האָבן
אַלע תלמידים אים פאַרלאָזט, און זענען אַנטלאָפן.
57 און די, וואָס האָבן גענומען ישוען, האָבן אים
אַוועקגעפירט צו קיפא, דעם כהן־גדול, וואו די
סופרים און די זקנים זענען געווען פאַרזאַמלט.
58 און פּעטרוס האָט אים נאָכגעפאָלגט פון דערווייטנס
ביז צום הויף פון כהן־גדול, און איז אַריינגעגאַנגען
אינעווייניק, און זיך אַנידערגעזעצט מיט די שוטרים,
59 צו זען דעם סוף. און די הויפּט־כהנים און דאָס
גאַנצע סנהדרין האָבן געזוכט אַ פאַלש־עדות־זאָגן
60 קעגן ישוען, כדי זיי זאָלן אים קענען טייטן; און
האָבן נישט געפונען, הגם אַ סך פאַלשע עדות זענען
61 געקומען. צולעצט אָבער זענען געקומען צוויי, און
האָבן געזאָגט: דער דאָזיקער האָט געזאָגט: איך בין
בכח צו צעשטערן דעם היכל פון ג־ט, און אים
62 אויפצובויען אין דריי טאָג. און דער כהן־גדול
האָט זיך אויפגעשטעלט, און געזאָגט צו אים: דו
ענטפערסט גאָרנישט? וואָס איז דאָס, וואָס זיי זאָגן